# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון **15** | פרשת **נח** תש"פ


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# אינמיטן נאַכט...

ארויסגענומען פון שיחות הר"ן, ש"א

**וואָס איז דער עיקר עבודה פון אַ איד?** | וואָס פלעגט רבי פנחס'ל קאָריצער זאָגן ווען דער ווינטער סעזאָן פלעגט זיך דערנענטערן? | **וואָס קענען מיר זיך פאָרנעמען צום נייעם זמן?**

אריינטרעטענדיג אינעם נייעם ווינטער זמן, שנת תש"פ לפ"ק, ווען אלע פרובירן אויסצושטעלן זייער סדר היום אויפן קומענדיגן זמן צו קענען מצליח זיין ביזן קלימאקס, איז כדאי ארומצושמועסן איבער א וויכטיגע פונקט וואס דארף גענומען ווערן אין באטראכט איידער איר שטעלט אויס אייער צוקונפטיגער סקעדשול, וואס לויט ווי דער הייליגער רבי שטעלט דאס אוועק איז דאס **"דער עיקר עבודה פון א איד!"**

ווי באקאנט, ווען עס פלעגן זיך אנריקן די לאנגע ווינטער נעכט, פלעגט זיך דער הייליגער רבי פנחס'ל קאריצער זצ"ל אנרופן: **"אָט דערנענטערן זיך שוין די גָאלְדִינֶע נֶעכְט!"** (שיש"ק-ג, תרכ"ד), מיינענדיג צו לאזן אנהערן דערמיט אז אט ריקן זיך אן די ווינטער נעכט אין וועלכע מיר באקומען דאן נייע פרישע און גאלדענע מעגליכקייטן אויסצוניצן די ריינע לויטערע נעכט, די צייט פון די העכסטע עת רצון, פאר עבודת השם.

אין די פריערדיגע דורות איז די עבודה געווען אנגענומען און פארשפרייט מיט אזא פשטות - אט די עבודה פון 'תיקון חצות', אז אלץ א דוגמא דערצו קענען מיר זיך איבערצייגן אז ווען דער הייליגער ר' רבי אלימלך מליזענסק ווען ער רעכנט אויס אין 'צעטיל קטן' (אות י"ז) די אלע זאכן וואס א מענטש זאל איינחזר'ן ביי זיך אין יעדע פרייע מינוט וואס איז גוט דאס צו געדענקען אויף אויסעווייניג א שטייגער ווי מודים דרבנן און בריך שמיה און אזוי ווייטער, רעכנט ער אויס די ערשטע צווישן זיי "תיקון רחל ותיקון לאה" וואס אויף דעם באשטייט די גאנצע סדר פון תיקון חצות - ווארשיינליך איז דאס געווען אנגענומען צו זאגן אזוי ווי א פשוט'ע מודים דרבנן...

> **מיד לעבן היינט אין אַ דור אין וואָס שרעקליכע גזירות לויערן העכער אונזערע קעפ, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ, טאָ פאַרוואָס'זשע זאָלן מיר זיך נישט אָנהייבן צו באַנוצן מיט די מאַכטפולסטע געצייג וואָס צוברעכט אַלע דינים?!**

מיט די יארן איז די עבודה צוביסלעך פארגעסן געווארן פון די אלגעמיינע אידענטום און איז ליידער היפש אראפגעווישט געווארן פון די מאפע און איז בלויז פארבליבן פארהייליגט ביי יחידי סגולה. דער הייליגער רבי האט אונז שוין אבער געזאגט אז ער פירט אונז אלע אויף א 'נייע וועג' וואס איז גלייכצייטיג די 'אלטע וועג' אויף וועלכע אונזערע אבות און פאָרגייער זענען נאך געגאנגען (השתפכות הנפש, הקדמה). דעריבער איז יעצט די פאסיגע צייט זיך פון פריש אויפצואוועקן און אנהייבן כאטש צו טראכטן פלענער און זוכן און בעטן עצות וויאזוי דאס צו ווירקליך פראַקטיצירן און איר צושטאנד ברענגען למעשה.

ערשטנס, ביי ברסלב'ע חסידים איז באוואוסט דאס וואס דער הייליגער רבי האט אנגענומען די שיטה אז חצות איז שטענדיג גאנצע **זעקס שעה** (פון זעכציג מינוט) נאך וואס די נאכט פאלט צו און ציט זיך אויף א צייט אפשניט פון צוויי שעה (ליקו"מ קמ"ט. וכן מובא בסידור "שערי ציון" מתלמידי תלמידיו של הרה"ק ר' חיים וויטאל, ועוד). דאס הייסט, אז אויב דער מענטש זאל זיך צולייגן אנהייב נאכט גלייך נאך מעריב, האט ער שטענדיג א שיינע גוטע פאר שעה שלאף.

צווייטנס, מען דארף וויסן אז כאטש עס ווערט אסאך ארומגערעדט אין די ספרים, איבערהויפט אין זוהר הקדוש, די געוואלדיגע מעלה פון בלייבן אויף ביז אינדערפרי צו עוסק זיין אין לימוד התורה, איז דאס אבער פארט נישט קיין אפהאלט און נעמט נישט אראפ פון די עצם תיקון פון אויפשטיין צו זאגן תיקון חצות און קלאגן אויפן חורבן אפילו מען לייגט זיך דערנאך צוריק. רבי לוי יצחק בענדער ע"ה פלעגט דערציילן אז ער געדענקט נאך אין אומין ווי רוב אנ"ש אפילו פון די גאר גרויסע עובדים ווי רבי אברהם ב"ר נחמן, ר' ישראל כהן, אלע פלעגן אויפשטיין יעדע נאכט חצות אבער פלעגן זיך דערנאך צוריקלייגן צו האבן פרישע כוחות פאר'ן דאווענען, אזוי פלעגט דער הייליגער רבי נתן זיך אויך פירן אין זיינע עלטערע יארן (טעם זקנים י"ג).

דריטנס, פאר געוויסע מענטשן קוקט אויס אז די עבודה פון 'תיקון חצות' איז עפעס א מיסטישע העכערע עבודה וואס איז בלויז געאייגנט פאר מקובלים אדער פאר די ל"ו צדיקים און פאר גאר הייליגע צדיקים. דער אמת איז אבער פונקט פארקערט. פונעם הייליגן רבי'נס רייד (ליקו"ת ס"ז) קומט אויס אז ווי מער א מענטש איז ווייטער פארקראכן פונעם אייבערשטן אלץ מער האט ער א טייל אין דעם וואס די בית המקדש איז נאכנישט צוריק אויפגעבויעט, וואס דעריבער ליגט אויף אים א גרעסערע פליכט אויפצושטיין חצות און מתאבל זיין אויפן חורבן בית המקדש און הויפטזעכליך אויף זיינע שלעכטע מעשים וואס האבן גורם געווען דעם חורבן כדי צו מתקן זיין און פארריכטן די שאדן וואס ער האט אנגעווארטשאפט, אזוי ווי חז"ל

המשך בעמוד ב'

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

#### *ואל אמה תכלנה מלמעלה*
***(בראשית ו' ט"ז)***

**אמ"ה** רומז על הדיבור שהיא **ה**"א מוצאות הפה הכלולים מ**'א**ש ו**'מ**ים (כמובא). גם תיבות **א'**מה **ת'**כלנה **מ'**למעלה ר"ת **אמ"ת**. **תכלנה** לשון **השתוקקות** (מלשון: כלתה נפשי). היינו, שעיקר השתוקקות של השי"ת **מלמעלה** אינו אלא כשיוצא **הדיבורים** מפיו **באמת!**

*(ליקו"מ ט')*

#### *ואני הנני מביא את המבול*
***(בראשית ו' י"ז)***

רביז"ל אמר: בעקבות משיחא יהיה מבול, לא של מים, רק של מחשבות זרות - **"מען וועט שיסן מיט אפיקורסות!"** ויכסה כל ההרים הגבוהים, ואפילו בארץ ישראל שלא היה המבול רק מחמת שהלך בכח נתזו שם המים, **"דאס הייסט, עס וועט אריינשפריצן אפילו אין די כשר'ע הערצער"**. ועם חכמות לא יוכלו ליתן עצה, ואמר **"עס וועלן זיך ניט דערהאלטן, נאר די פשוטי ישראל שאומרים תהלים בפשיטות"!**

*(כוכ"א, שיחות וסיפורים. עוד עיי"ש משל נאה ע"ז)*

#### *אך את דמכם לנפשותיכם אדרוש* ***(בראשית ט, ה')***

ופירוש רש"י: **לרבות השופך דם עצמו.** נמצא, שכמו שיש איסור חמור להלבין ולבייש פני חבירו כי הרי הוא כשופך דם (ב"מ נח:), כמו כן הוא איסור חמור לבזות את עצמו עד שיוכל ליפול ע"ז לחלישת הדעת ויאוש ח"ו!

*(ליקוטי הלכות ערלה ה"ד, ט"ז)*


**קול משיב לשואל**

**שו"ת בעבודת השם**, שיעורים, **דברי תורה על הפרשה**, וועכענטליכע החתזקות, **סעילס אויף ספרי ברסלב**

**718.362.8870**

**קול החבורה**
**646.585.2985**


**יוצא לאור ע"י אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220 | לקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com

*המשך מעמוד א'*

זאגן: "כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו".

עס פעלט נישט אויס צו זיצן דווקא אין א טונקעלע שטוב אויף דער ערד מיט א לעכט אין די זייט, עס קען פונקט אזוי זיין ביי דיר אין שלאף צימער. אזוי אויך אויב איז דא סיי וועלכע שוועריקייט צו פארשאפן אַש אויפן קאפ איז דאס אויך נישט קיין אפהאלט. מען זאגט וויאזוי מען קען און מ'פרובירט די בעסטע וואס ס'שייך.

לאמיר נישט פארגעסן, מיר לעבן היינט אין א דור אין וואס מיר דארפן אסאך רחמים, עס הערשט אזויפיל צרות ישראל בכלליות ובפרטיות, שרעקליכע גזירות לויערן העכער אונזערע קעפ, סיי אויף די אידן פון ארץ ישראל און סיי אויף די אידן פון חוץ לארץ, טא פארוואס'זשע זאלן מיר זיך נישט אנהייבן צו באנוצן מיט די מאכטפולסטע געצייג וואס פארמאגט אין זיך די קראפט צוצוברעכן אלע דינים, און אזויווי עס איז באוואוסט וואס אין זוהר הקדוש גייט כמעט נישט פאריבער אפאר פרשיות וואס ער זאל נישט רעדן פון די גרויסקייט און פון די אויסטערלישע עת רצון פון חצות. אזוי אויך ברענגט דער רבי: **קִימַת חֲצוֹת הוּא הַמְתָּקַת הַדִּינִים!** (ליקו"מ קמ"ט), אזוי אויך ווערן געברענגט אין די ספרים אז א איד קען דעמאלטס אויספועל'ן וואס ער באגערט נאר!

צום שלוס ווילן מיר אראפברענגען די מורא'דיגע רייד פון רבי אברהם ב"ר נחמן (ביאור הליקוטים סי' ט'): מיר ווייסן אז עס איז פארהאנען צוועלף טויערן פון תפילה (כמובא בזוה"ק ומאריז"ל), זאגט ער אז עס איז אבער פארהאן א דרייצנטע תפילה וואס גייט ארויף אן קיין שום טויער - דאס איז חצות! דאן הערשט אזא עת רצון אויבן אין הימל אין וועלכע די תפילות וואס א מענטש איז דעמאלטס מתפלל ווערט נתקבל אן קיין שטער און אן צו דארפן אריבערגיין סיי וועלכע טויער אדער מסך המבדיל, עס קומט גלייך אָן נוכח פני ה' ממש.

- אט אזוי שטייט אין פסוק (איכה ב, י"ט): **קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה** ביינאכט, **לְרֹאשׁ אַשְׁמֻרוֹת**, דאן אז דו וועסט זיך אויסגיסן **שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ**, וועט דאס אנקומען גראד ביז **נֹכַח פְּנֵי ה' ממש!**

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# תפילין נאך פופצן יאר!

חיים שפירא איז געווען די נאמען פון א ישיבה בחור פון די שטאט לאמזשע אין פוילן (ארויסגעבער פונעם בוך "לך לך בני" - "אנטלויף") וואס איז דורכאויס די יארן פון די ביטערע וועלט קריג פארוואגלט געווארן טיף אריין אין רוסלאנד און איז מאבאליזירט געווארן צו ארבעטן פאר די רוסישע מיליטער אויפצושטעלן שינעס פאר די באנען אין די אוראל בערג.

נאכ'ן אנקניפן קשרים מיט איינע פון די אויפזעערס אין זיין בריגאדע איז ער באאויפטראגט געווארן אריבערצופירן מעלדונגען צו אנדערע בריגאדעס פון אנדערע לאגערן, וואס אויסער די פריווילעגיע וואס דאס האט אים געגעבן אים צו באפרייען פון די עבודת הפרך, האט דאס אים אויך ערלויבט זיך צוריקצוהאלטן פון ארבעטן אום שבת.

איין שבת, רייטנדיג דורך די וועלדער אויסצופירן א שליחות צו א לאגער'ס ביורא פון קריגס געפאנגענע, הערט ער פלוצלינג הינטער א געדיכטן באוואקסענער שטח פון נידריגע ביימער און דיקע גראזן, עמיצן זינגען א ניגון. נאכן צולייגן מער אויפמערקזאמקייט, האב ער אויפגעכאפט די אידישע ווערטער: "אל גנת אגוז ירדתי..." ער האט זיך אין מח פארצייכנט דעם ריכטונג פון וואנעט דער ניגון איז געקומען, און זיך געאיילט צום אפיס.

ער האט איבערגעגעבן די מעלדונג און זיך צוריק געיאגט אין ריכטונג פון די געוואוקסן. אין א ליידיגן שטח אינמיטן וואלד, האבן זיינע אויגן געפאנגען דאס געשטאלט פון אן אלטן מענטש מיט א ווייסן בארד און א ליכטיגע צורה, וואס זיצט אויף דער ערד און זינגט מיט צוגעמאכטע אויגן. די ווערטער און די זיסקייט פון די מעלאדיע האט אים צוגעצויגן צו יענעם. ווען יענער האט אים געהערט זיך דערנענטערן, האט ער אויפגעהערט צו זינגען.

"א גוט שבת, ר' איד", האט ער אים באגריסט.

- "ניא פאניעמאיא - איך פארשטיי נישט", איז געווען זיין פארזיכטיגער ענטפער. חיים האט פארשטאנען אז דער איד ציטערט פשוט. ווארשיינליך ווייל ער האט פארדעכטיגט אז ער איז עפעס א נאטשאלניק - זייענדיג אנגעטון מיט מיליטערישע מונדירן.

- "איך בין א איד פון פוילן", האב ער אים באוואיגט. "איך באלאנג צו די באטאליאן פון באן ארבעטער, און איך בין א ישיבה בחור. קוק נאר אהער, איך האב דא מיינע תפילין. איך טראג זיי שטענדיג מיט מיר. א נאטשאלניק וואלט זיך איינגעשטעלט און געטראגן מיט זיך תפילין?"

- "תפילין! שוין פופצן יאר וואס איך האב נישט געלייגט תפילין!" טרערן האבן אנגעהויבן פליסן אויף זיינע באקן. "דו וועסט קענען אהערקומען מארגן?" האט ער זיך געבעטן, און געמורמלט צו זיך מיט אן אנטוישטע שטימע: "אוי, גאטעניו, ענדליך ענדליך האב איך תפילין, אבער ס'איז שבת היינט און איך קען זיי נישט לייגן".

ווען ער האט זיך באוואיגט, זאגט ער אים, "מיין נאמען איז נחמן באראנוב, א ברסלב'ער חסיד. איך בין ארעסטירט געווארן אויף די הארבע זינד פון לערנען תורה פאר אידישע קינדער, און פאראורטיילט געווארן צו צוואנציג יאר תפיסה. פופצן יאר זיץ איך שוין. איך האב מיך געמאכט ווי א צודרייטער און פארוואנדלט געווארן אלץ "דער שוטה פונעם לאגער", אזוי האב איך מיך מער וויניגער ארויסגעדרייט פון דארפן מחלל שבת זיין".

חיים האט אים אומגערן ערקלערט אז ער וועט נישט קענען קומען צו אים מארגן, ווייל ער דארף ארויסגיין צו די ארבעט, נחמן האט זיך אבער געשטעלט דערויף אז ער זאל אים אויספירליך ערקלערן וויאזוי אנצוקומען צו זיין בריגאדע. חיים האט אים אבער געבעטן ער זאל נישט קומען, "זיי וועלן דיר זיכער דערשיסן צום טויט ווען דו וועסט פראבירן ארויסצוגיין פונעם לאגער" האט ער אים געוואלט מסביר געווען.

פארהוילנדיג זיך פון זיין בקשה האט ער געטוישט די טעמע און געזאגט: "אלזא, דער ניגון געפעלט דיר? קום לאמיר זינגען צוזאמען...

אויפצומארגנס אינדערפרי, חיים האט נערוואס געענדיגט צו דאווענען הינטער זיין דאכענע, פלוצלינג פילט ער ווי עמיצער רירט אים אן. ער האט זיך שרעקליך דערשראקן. "מען האט מיר אנדעקט אז איך לייג תפילין!" האט ער געטראכט צו זיך פארצווייפלט. ער האט אין איילעניש אויסגעטון די תפילין און ארויסגעשטעקט זיין קאפ פון די דאכענע. ס'איז שוין געווען נאכ'ן זון אויפשיין ווען ער האט דערקענט די ווייסע בארד. "רבי נחמן! דו ביסט אנטלאפן? זיי וועלן דיר הרג'ענען!" האט ער אויסגעשריגן.

- "ש... ש.." האט רבי נחמן געשושקעט, "דער שומר שטייט אינדרויסן. גיב מיר די תפילין - שנעל!" ער איז אריינגעקראכן אין חיים'ס בעט ווען חיים שטייט אויפן וואך אינדרויסן. חיים האט ארויסגעהערט יאמערליכע בכיות הינטער די דאכענע וועלכע איז אדערוויל דורכגעווייקט געווארן מיט טייכן פון הייסע טרערן.

ער האט געהערט א שארך פון דרויסן ער האט זיך געאיילט צום טיר. געשטאנען איז דארט א סאלדאט מיט אן אויפגעריסטעטן רעוואלעווער הענגען אויף די פלייצע און רואיגערהייט געקייעט א שטיקל ברויט. רבי נחמן האט אים אונטערגעקויפט מיט זיין טעגליכע פארציע ברויט.

א קורצע צייט דערנאך איז רבי נחמן ארויסגעקומען. "צום ווידערזען מארגן, אין די זעלבע צייט", ווידעראמאל האט אים חיים געבעטן ער זאל נישט איינשטעלן זיין לעבן. מיט א קול געשטיקט פון טרערן, האט ער אים געמורמלט: "הער מיר אויס, שוין פופצן יאר וואס איך האב נישט געלייגט תפילין, און יעצט אז איך האב די מעגליכקייט, וואס איז אז איך וועל בלייבן הונגעריג? דו קלערסט אז ס'איז דאס ערשטע מאל וואס איך האב נישט ברויט צו עסן? איינמאל האבן זיי מיר פארשלאסן אויף זיבן טעג אן עסן ווייל איך האב נישט געוואלט האקן האלץ אום שבת. ברוך השם, איך לעב נאך!..."

אין די קומענדיגע דריי וואכן האט רבי נחמן נישט פארפעלט צו קומען יעדן טאג צו די זעלבע צייט פארטאגס אין באגלייטונג פון יענעם וועכטער אין אויסטויש פאר זיין פארציע ווען חיים פראבירט אים צו שאפן אביסל ברויט ער זאל נישט אויסגיין פאר הונגער. רבי נחמן'ס הארץ איז איבערגעפולט געווען מיט פרייד אז ער האט זוכה געווען צו מקיים זיין מצות תפילין. דערנאך איז חיים'ס באטאליאן אריבערגעצויגן צו א אנדערע געגנט. רבי נחמן'ען האט ער זינט דאן מער קיינמאל נישט געזען...


ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר שלמה הכהן שווארטץ הי"ו
לאנדאן
שתרם להפצת הגליון
לרגל אירוסי בתו עב"ג הבה"ח
משה חיים וויינגארטן נ"י
לעקוואד
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

המחותנים:
מוהר"ר אברהם יצחק בלום הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו החתן היקר כמר
משה מרדכי נ"י
ומחותנו מוהר"ר משה דוד לייכטער הי"ו
מאנסי
החתונה תתקיים יום ב' לך באולם ווילהאוויץ

מוה"ר שמשון פייגעל הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם להפצת הגליון
לרגל הולדת בנו כמר
נחמן נ"י
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר נטע קויפמאן הי"ו
קרית יואל
שתרם להפצת הגליון
לרגל שמחת נישואי בתו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

אנו מברכים מעומק לבבינו
ברכת מז"ט לחברינו החתן
היקר כמר נטע שעהר נ"י
במוהר"ר עזריאל הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואיו
החתונה תתקיים יום ב' לך באולם אימפעריעל

אנו מברכים מעומק לבבינו
ברכת מז"ט לחברינו
החתן היקר כמר יעקב עסטרייכער נ"י בן הרב
משה שליט"א
ב"פ
לרגל אירוסיו בשעטו"מ

כסא דנחמתא
לידידינו מוהר"ר מתתי' לידער הי"ו
על פטירת אחיו ר' משה ע"ה
בן יבלחט"א ר' שלמה מנחם מענדל הי"ו
ויה"ר ובלע המות לנצח, ושנשמע בשורות טובות

לע"נ הבה"ח
יושע דוד ע"ה
בן יבלחט"א ר' מרדכי הי"ו
נפטר ל' תשרי
דהאי שתא